# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:24
מוצאי שב"ק....................5:54

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............ הושע י"ד – יואל א'
בבלי.................. בבא קמא ט'
ירושלמי..................... ערלה א'
תוספתא................ תרומות י'
רמב"ם......... מגילה וחנוכה א'

פרשת חיי שרה, כ"ז חשון, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 6 (626)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם, אֱלִיעֶזֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, דֶער זוּן פוּן זַיין הֶער אַבְרָהָם.

אוֹיף דָאס וָוארְט "וַיֹּאמַר" אִיז דֶער טְרָאפּ אַ שַׁלְשֶׁלֶת, מְ'זִינְגְט עֶס מִיט אַ טְרִיפְּלְטֶע תְּנוּעָה, וָואס קוּמְט דָאס אוּנְז לֶערְנֶען?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מ"ח) אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט נָאכְצוּלָאזְן פוּן כָאטְשׁ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר טוּט, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן.

וֶוען אַ אִיד ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר ווִיל אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן נָאר זַיין ווִילְן, הָאט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ חֵשֶׁק עֶר זָאל גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל, עֶר זָאל גְלַייךְ דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. עֶס גֵייט אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אֵיידֶער אַ אִיד קוּמְט אָן צוּ וָואס עֶר דַארְף צוּקוּמֶען, דַארְף עֶר קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין פִילֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת, מְ'וֶועט אִים פְּרוּבִּירְן פוּן הִימְל אַרָאפְּצוּוואַרְפְן, אָדֶער וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין הַאלְטְן גָאר נָאנְט צוּם טִיר, וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף אִים אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי טוֹיעֶרְן פוּן קְדוּשָּׁה.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגַארְטְלְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, נָאר יֶעדֶע מִינוּט אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה צוּ טוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָּשׁ יֶעדֶע רֶגַע, דַארְף עֶר אָבֶּער ווִיסְן אַז אוֹיב אַזַא שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט זִיךְ אַ קְלֵיינֶע רִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, אִיז דָאס נָאךְ פִּיל מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַזַא וַוייטֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר זֶעט אַזוֹי אוֹיס שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט אִין דִי תּוֹרָה זֵייעֶר מְחַזֵּק יֶעדְן אִיד, עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע נְפִילוֹת, עֶר זָאל נִישְׁט אַזוֹיפִיל בַּאטְרַאכְטְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל ווִיסְן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, דָאס אִיז דֶער וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אַלֶעמָאל, אוּן קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן קֵיינְמָאל בְּשׁוּם אוֹפָן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט דָארְט אַז אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס צַדִּיק, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גְרִינְגֶע וֶועג גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען, נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, נָאר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת. אוּן אוֹיב וֶועלְן מִיר זֵיי נָאכְמַאכְן, זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי דוּרְכְפֶעלֶער, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דָאס אִיז אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת ה', מִיט סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ אַ אִיד ווִיל וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ אִין אֵיין מִינוּט, עֶר וֶועט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין אַסַאךְ יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוערְט עֶר נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ זִיךְ דַארְפְן אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל מִיט אַ גְרוֹיסֶע עַקְשָׁנוּת, אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת נִישְׁט נָאכְצוּלָאזְן אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג דָאס לֶערְנֶען, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאר עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ וָואס עֶר קֶען, עֶר זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן צוּם סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו), אַ וֶועג פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מְ'זָאל אוֹיפְמַאכְן דֶעם סֵפֶר אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ מְ'פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'זָאגְט אוּן מְ'גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מְ'לֶערְנְט. צוּ דֶעם דַארְפְן מֶען אָבֶּער הָאבְּן

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז צוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף שָׂרָה אִמֵּנוּ (בְּרֵאשִׁית כג, א): "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", אַז עֶס אִיז אִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט גֶעוֶוען; זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, בַּיי אִיר אִיז גֶעוֶוען בַּת ק' כְּבַת כ', וּבַת כ' כְּבַת ז' - אַלֶע אִירֶע יָארְן אִיז אִיר גוּט גֶעוֶוען, מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה".

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְטְס אַייעֶר מַאמֶע; רֶעדְטְס אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר אַייעֶר מַאמֶע זִי זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן, זִי זָאל אוֹיסְלֶעבְּן אִירֶע יָארְן מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

בְּנוֹגֵעַ אַייךְ וְכוּ'; וִוי מֶער אִיר וֶועט חַזֶרְ'ן אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אֱמוּנָה, וִוי מֶער אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה - וֶועט אַייעֶר לֶעבְּן זַיין צוּקֶערְדִיג אוּן שֵׁיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בָּלָק תשפ"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְּלַאנְצְן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְּלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְּלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְּלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "גוּט", עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה"; וִוי אֵיינֶער זָאגְט, 'וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט אַ אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה: 'אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע'.

אַז מֶען וִויל פוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, "וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם", דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְּלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, "וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו", עֶר אִיז וִוי אַ בּוֹים וָואס דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם", עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג, "וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן", דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ, "וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג", וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, "וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בֹּא תש"פ)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיּוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיּוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיּוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיּוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיּוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיּוּת.

דָאס אָבֶּער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחְנִיּוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיּוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר וִויל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶוער עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

וֶוען אַ אִיד דַארְף הִילְף, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט דַאן זָארְגְן אוֹיף זַיין רוּחְנִיּוּת, נָאר זֶען מִיט וָואס מֶען קֶען אִים הֶעלְפְן, אַמָאל קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן בְּגוּף אוּן אַמָאל מִיט גֶעלְט, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זֶען אַז יֶענֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ צוּפְרִידֶענֶער. מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פַארְלָאפְן אִין דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ לֶערְנֶען דִי הַארְבְּקֵייט פוּן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי הִילְף פוּן אַ צוּבְרָאכֶענֶעם אִיד.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִלָּה הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אַ צְדָקָה קַאסֶע מִיט וָואס זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אֲסִיפָה דוּרְכְצוּגֵיין דִי בִּיכֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג הַכְנָסוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁנַיידְן דִי הוֹצָאוֹת צוּ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט. אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי אוּמְוִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבְּן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת אִין שְׁטָאט, צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער גֶעלְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט אִין שְׁטָאט.

דָארְט אִין שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט מַמָּשׁ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי צְדָקָה קַאסֶע, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם. עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע פוּן דִי צְדָקָה קַאסֶע, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַיידְן פוּן דִי צְדָקוֹת, אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם, נָאר צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן נָאךְ וֵוייניגֶער אוּן וֵוייניגֶער, בִּיז דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

דֶער בַּאשְׁלוּס צוּ גֶעבְּן וֵוייניגֶער צְדָקָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ גֶעוִויסְן רָב וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי קַאסֶע. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אָרִימַאן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מַמָּשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים גָאר אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רח"ל.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶגְבֶּערְן אִינֶעם קָאפּ פוּן דֶעם רָב מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רח"ל, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֵיין שְׁמַדְ'ן רח"ל. אֵיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלַּח פוּן שְׁטָאט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר ווִיל זִיךְ שְׁמַדְ'ן רח"ל. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם קִטְרוּג וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אִים אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁנִיטְן דִי צְדָקוֹת אוּן דִי אָרִימֶעלַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער.

פַארְ'ן גַלַּח הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט דֶער גַאנְצֶער עֵסֶק, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אַ חָשׁוּבֶ'עֶר רָב זִיךְ פְּלוּצְלִינְג וֶועלְן שְׁמַדְ'ן? עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס אִיז אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ מִיט וָואס מֶען ווִיל אִים עֶפֶּעס אָפְּטוּן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעיָאגְט צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רָבְ'ס פַארְלַאנְג. <<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ הָאבּ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצֶן יָאר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ מַיין טַאטֶע וֶועגְן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**יִישַׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** — יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דַיין טַאטֶע? וָואס קֶען דִיר דַיין טַאטֶע הֶעלְפְן? עֶר אִיז דָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן פוּן דִיר, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט עֶס זָאל שׁוֹין זַיין שְׂמָחוֹת אִין שְׁטוּבּ.

דַיין שִׁידוּךְ לִיגְט נִישְׁט אִין דַיין טַאטֶענְ'ס הֶענְט אוּן דִי שַׁדְכָנִים פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער הָאט אוֹיךְ נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין טַאטֶע אוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶס לִיגְט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, ווייל 'מֵה' יָצָא הַדָּבָר'"; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בַּחוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג; זָאג עֶס יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי ווּאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין ווּאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! וִוי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַתֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת אֱמוֹר תש"פ)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֶר הָאט קוֹדֶם אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם רָב אוּן אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען זִיךְ צוּ זֶעצְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן אַזוֹי דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן דִי זַאךְ. אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר'ן רָב אַ שְׁטַארְקֶע בְּרָאנְפְן, פוּן וָואס דֶער רָב הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע גֶעזִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַלֶעס וָואס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף דֶעם רָב. אוּן עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג בַּאפוֹילְן פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל גְלַייךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן מַאכְן הַבְדָּלָה, אוּן אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי פֶערְד אוּן אַרִיבֶּערְפָארְן צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט צוּם גַלַח'ס הוֹיז. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט צוּ טוּן".

דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן אוּן גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גַלַח'ס הוֹיז אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער רָב לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אִינְגַאנְצְן פַאר'שִׁיכּוֹר'ט. דֶער רָב הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, דֶער גַלַח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף טוּן. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר'ן רָב. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רָב זִיךְ צוּ גֵיין וַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

נָאכְ'ן עֶסְן דִי חַלָּה, הָאט דֶער רָב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָּב, עֶר אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם גַלַח'ס הוֹיז אוּן עֶר הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

זֶעֶען מִיר פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט וֶוען מֶען הַאלְט נָאר צוּרִיק דָאס הִילְף וָואס אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען. אוּן עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז פַארְקֶערְט, וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן יָא צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ, פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דַפִּים גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט, אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס מְ'זָאגְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף וָואס פַאר אַן אוֹפָן, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז צוּם סוֹף וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

דָאס מֶערְסְטֶע דַארְף מֶען אָבֶער הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע מָאס עַקְשָׁנוּת וֶוען סְ'קוּמְט צוּ תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל מִיט תְּפִלָּה קֶען אַ אִיד אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, "צוּ תּוֹרָה, צוּ עֲבוֹדָה, צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת, צוּ אַלֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס פוּן אַלֶע וֶועלְטְן" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"א), וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ תְּמִימוּת, אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶעס מִיט וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט עַקְשָׁנוּת טָאג נָאךְ טָאג, אֲפִילוּ עֶר זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי רֶעזוּלְטַאטְן, דַאן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם מַדְרֵיגָה צוּ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אָבֶער אוֹיךְ פוּן דֶעם, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַ אִיד פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ פוּילְקֵייט אוּן אַ מִידְקֵייט, אוּן סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'קֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערִיג זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען כָאטְשׁ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ אִים, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר אֵיין וָוארְט, אוּן דָאס אִיבֶּערְזָאגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט עַקְשָׁנוּת, נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן דָאס קְלֵיין בִּיסְל וָואס מְ'קֶען, אוּן דַאן וֶועט צוּם סוֹף זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ב:) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'" (תְּהִלִּים כ"ז, י"ד). מְ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן, נָאר בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מְ'וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

דָאס זֶעעֶן מִיר בַּיי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶערְנְט וָואס מֵיינְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זֶעעֶן מִיר וִוי עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

דָאס אִיז דִי שַׁלְשֶׁלֶת וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיפְ'ן וָוארְט "וַיֹּאמַר", וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל, מְ'דַארְף רֶעדְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט עַקְשָׁנוּת אָן אוֹיפְגֶעבְּן, בִּיז צוּם סוֹף וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חַיֵּי שָׂרָה תשע"ה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שמחת התורה נעמט ארום אנשי שלומינו צום בעפארשטייענדע סיום פון חצי הש"ס

עס לאזט זיך שווער גלייבן אז מען האלט שוין דא אז מען דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט צום גרויסן סטאנציע פון ענדיגן האלב ש"ס.

מען טראכט צוריק ווען מען האט אנגעהויבן די גאנצע קהלה אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א ש"ס ביים גרויסן סיום הש"ס אין קראון פלאזא האטעל, און יעצט נאך א הארוואניע פון כמעט פיר יאר האלט מען שוין ביים גרויסן מאמענט אז מען צייכענט אפ דאס אומגלויבליכע ענדיגן האלב ש"ס. די אלע וואס זענען דאן געווען קלוג און האבן נישט געקוקט דערויף ווי אויף א בארג "גאנץ ש"ס? איך?" נאר האבן געפאלגט די עצה פון הייליגן רבין און גענומען די גמרא יעדן טאג פאר זיך, "היינט גיי איך לערנען א בלאט גמרא" קענען יעצט זאגן "הזורעים בדמעה ברנה יקצורו" און מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט מען ענדיגן אין עטליכע יאר גאנץ ש"ס וואס וועט זיין אן אומבאשרייבליכע שמחה וואס מען קען נישט ערקלערן.

די אנדערע וואס האבן דאן שפעקולירט "מען האט יא געהאלטן דערפון?" אדער האבן געצווייפעלט "זאגן הייסט לערנען אדער יא?", קענען היינט אנהייבן זאגן יעדן טאג א בלאט גמרא, און אנשטאט זיין נאר אין מארק וועלן זיי פראווען דעם סיום הש"ס אין א האלב יאר פון יעצט.

דאס לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג איז א זאך וואס מוהרא"ש פלעגט מאנען פון אונז כסדר, און ער פלעגט זאגן אז גמרא איז ראשי תיבות גבריאל מיכאל רפאל אוריאל די פיר מלאכים וואס באגלייטן און היטן אפ דעם מענטש וואס לערנט גמרא. מוהרא"ש האט נישט סתם גערעדט פון גמרא, נאר האט געגעבן א זיסע עצה מען זאל עס קענען מקיים זיין. מוהרא"ש פלעגט אייביג חזר'ן מיט אונז דעם סדר דרך הלימוד, וואס דער הייליגער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן סימן ע"ו אז "אין צריכים בלימוד רק האמירה לבד", און מוהרא"ש פלעגט עס אליין אזוי שיין צולייגן וואס דער רבי שרייבט דארט, און פלעגט זאגן אז אדרבה פרובירט עס אויס וועט עטס נישט דארפן קיין שום ראיות ווי שיין מען איז מצליח מיטן סדר דרך הלימוד. דער מענטש וואס פאגלט דעם עצה באקומט אן אהבת התורה, ער הייבט אן צו שפירן די זיסקייט פון די תורה, און ער וויל שוין לערנען נאך לימודים, און אזוי פלוצליג טרעפט ער זיך לערנען נאך פילע ספרים, תנ"ך, מדרשים, ספרי הלכה, ספרי מוסר, ספרי חסידות, שאלות ותשובות, און ער טראכט צו זיך וואס איז געשען צו אים, א מענטש וואס האט נישט געקענט עפענען א אידיש ספר, איינער צוליב די טראומע וואס זיינע מלמדים האבן אים געפייניגט ביי די גמרא, און איינער ווייל ער איז אביוזט געווארן פון חברים, אן אנדערער צוליב זיינע טרידות אין ביזנעס, און דער צוליב זיינע דאגות און פחדים. אבער אלע וואס האבן פרובירט די עצה דארפן שוין נישט קיין ראיות און קיין מקורות. זיי זעען קלאר אז זאגן הייסט לערנען.

יעצט ווען מען האלט ביים ענדיגן מסכת קידושין וואס איז האלב ש"ס און מען הייבט אן שבת קודש די ערשטע פון די דריי בבא'ס "בבא קמא דף ב'" וועלן אלע זיך מיטכאפן מיט דעם שיינעם מסכת, און נישט קיין חילוק אינג צו אלט, ארעם צו רייך, געזונט אדער ל"ע נישט וועלן אלע ארויפטאנצן אויפן באן פון ש"ס און זוכה זיין צו א צלם אלקים..

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## שיעורים אויף גמרא

הערט שיינע שיעורי גמרא אין גאנץ ש"ס בבלי שיין ערקלערט מיט שיינע שמועסן

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,3,1**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל מאיר קרסניאנסקי** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב אריה רובין** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380